STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01434

DOS GEZANG FUN NEGER-FOLK

Zishe Bagish

Permanent preservation of this book was made possible
by Ahda Stein
in memory of
David Ben Shlomo Stein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זישע באגיש

דאָס געזאַנג
פֿון נעגער-פֿאָלק

איבערדיכטונגען

copyright by zishe bagish, bucuresti
— 1936 —

אַרויסגעגעבן אין 500 עקז.
פֿאַרלאַג: מ. צעשינסקי, שיקאַגע.
ניינצנהונדערט זעקס און דרייסיק.
הילע געצייכנט פֿון י. טינאָוויצקי.

צעשינסקיס פארלאג
edit. m. ceshinsky,
2720 division str., chicago

דעם ערשטן טייל פֿון דאָזיקן בוך שענק איך אַוועק מײַן פֿרײַנט, דעם ייִדיש־רומענישן שרײַפֿטשטעלער אורי בן־הדור. דער צווייטער טייל איז אין טיפֿער ברודערלעכער ליבע באַשטימט מײַן חבר און פֿרײַנט י. ד. איזראַעל; די ערשטע און איינציקע צוויי מענטשן, וואָס האָבן בײַ מײַן קומען קיין רומעניע מיך אַרומגערינגלט מיט פֿאָטערלעכער און ברודערלעכער וואַרעמקייט, זאָל דאָס זײַן מײַן באַשיידענער דאַנק.

די איבערדריכטונגען, וואָס קו־
מען אַריין אין דער דאָזיקער
אָפּטיילונג, זענען געמאַכט גע־
וואָרן מיט דער ספּעציעלער
דערלויבעניש פֿון נעגער־פּאַטענט
לענגסטאָן היוז.

לענגסטאָן היוז

לעװינגסטאָן היוז איז געבוירן געװאָרן אין יאָר 1903, אין מיזורי, װו ער האָט געלעבט ביז 12 יאָר. נאָכן באַקומען די ערשטע עלעמענ־טאַרע לימודים, איז ער געװאָרן אַ שיקײנגל בײ אַ הענדלער פֿון היטן אין קלײװלאַנד. שפּעטער — אַ װעגעלע־שלעפּער אין איס־לאַנד; אַ מאַטראָז, אַ קעלנער, אַ קוכער און אַ פּאָרטיער אין אַ נאַכטהײזל אין פּאַריז. ער האָט דורכגעװאַנדערט פֿראַנקרײך, האָ־לאַנד, שפּאַניע, איטאַליע, פּאָרטוגאַל און די פֿאַרײניקטע שטאַטן. איצט לעבט ער אין ניו־יאָרק, װו ער האָט אויך געלערנט אין קאָלומביער אוניװערזיטעט.

כ׳בין אַ נעגער

כ׳בין אַ נעגער: מיין געזיכט
איז שוואַרץ, ווי שוואַרץ ס׳איז די נאַכט;
שוואַרץ — ווי אין מיינע אויגן דאָס ליכט...

איך בין אַ קנעכט: ס׳האָט דער האַר
מיך גענומען צו וואַשן זיין שוועל,
פאַר ברויט — צאַפּט ער מיין בלוט דערפאַר.

איך בין אַן אַרבעטער: מיינע הענט
טורעמען פּיראַמידעס אויף. איך בין
פון „וווילוואָרט־בילדינג״ דער צעמענט.

איך בין אַ זינגער: פון הויז צו הויז,
איבער דער לענג פון אַפריקע ביז דזשאָרדזשע,
זינג איך אין לידער מיין טרויער אויס.

אַלעמענס קאָרבן — בין איך:
די בעלגיער שניידן מיינע הענט אין קאָנגאָ,
און אין טעקסאַס לינטשט מען מיך!

איך בין אַ נעגער: מיין געזיכט
איז שוואַרץ, ווי שוואַרץ ס׳איז די נאַכט;
שוואַרץ — ווי אין מיינע אויגן דאָס ליכט...

אָפּשטאַם

מיין אַלטער טאַטע איז אַן אַלטער ווייסער מענטש,
און מיין אַלטע מאַמע — אַ שוואַרצע איז.
אויב כ'האָב אַמאָל באַגריסט מיין אַלטן ווייסן מענטש
צי איך צוריק מיין באַגריס.

אויב כ'האָב קיינמאָל נישט באַגריסט מיין אַלטע שוואַרצע מאַמע,
און איר געווינטשן זי זאָל אין גהענעם גיין,—
ווינטש איך איצטער בעסער איר און בעט:
זי זאָל מיין זינד מיר מוֹיכל זיין.

מיין אַלטע מאַמע איז געשטאָרבן אין אַ צעלט.
מיין אַלטער טאַטע איז געשטאָרבן אין אַ גרויסן שיינעם הויז.
ווו וועל איך שטאַרבן, איך —
וואָס בין נישט שוואַרץ און בין נישט ווייס?...

שטרעק אויס...

שטרעק אויס מיינע אָרעמס די גרויסע
אַקעגן דער זון
ביז ס׳וועט דער טאָג פֿאַרגיין.
און דערנאָך לאָז רוען מיך אין קילן אָוונט
צופֿיסנס פֿון אַ הויכן בוים,
ביז ס׳וועט אויף מיינע אַקסל
אַראָפּנידערן
די שטילע נאַכט,
וואָס איז אַזוי שוואַרץ ווי איך —
טרוים מיינער!

שטרעק אויס מיינע אָרעמס די גרויסע
צום פּאָנעם פֿון דער זון —
ביז ס׳וועט דער טאָג דער קורצער פֿאַרגיין.

לאָז רוען מיך אין בלייכן אָוונט
אונטערן גרויסן בוים...
אָ, שטילע, פֿאַלנדיקע נאַכט,
וואָס ביזט אַזוי שוואַרץ ווי איך...

האַרבסט־ליד

די האַרבסט-בלעטער
האָבן די קאָליר פֿון שטאַכל-דראָט.
די שלאַנקע בוימער
אויפֿן »Vulcan Road«
זענען אָנגעטון אין פּורפּור און אין רויט,
ווי יינגע קורטיזאַנעס,
וואָס וואַרטן זייערע געליבטע אָפּ...
באַלד —
וועלן ווינטערדיקע ווינטן
קומען אַנטבלויזן זייערע לייבער,
און שפּעטער —
וועט דער שאַרפֿער,
שניידנדיקער גלעט פֿון קעלט
זייער איינציקע ליבע זיין...

קאַבאַרעט

אויף דאָ, אין קאַבאַרעט
וויינט דער דזשעז אַמאָל.
מען זאָגט: דער דזשעז לאַכט,
ווי לאַנג ס׳טאַנצן די וווּלגאַרע טענצערנס
ביז אין פֿאַרבלייך פֿון נאַכט.
אַזוי
האָט איינע מיר געזאָגט,
אַז זי האָט געהערט וויינען דעם דזשעז,
ווען ס׳האָט אויף טאָג
דער מאָרגנרויט
געגרויט.

אַ ייִנגע זינגערן

דאָס מיידל וואָס זינגט „סענטימענטאַלע לידער״
אין דאָזיקן קעלער אין האַרלעם,
ווי ס׳שפּילט דער דזשעז אַ מידער
פֿון ביינאַכט ביז אינדערפֿרי —
וועט נישט גלויבן דעם,
וואָס ט׳איר זאָגן,
אַז ווי אַ נימפֿע
באַשאַפֿן איז זי
פֿאַר ווילדע כאַיעס מאָגן . . .

ליד

זי,
וואָס האָט מיט איר אייגענער האַנט
געבעטלט ליבע דורך די נעכט,
האָט אויסגעווײלט דעם שטילן וועג
פון טונקעלן לאַנד —
פון טויט.

איצט שפּאַנט זי אום
ווי אַן אײנזאַם פאַרלאָזענע
דורך אָנסאָפיקער גאַס,
און גיט אַוועק אירע קושן פאַר גאָרנישט-ניט.
פאַר גאָרנישט-ניט . . .

גאָט, מאַך אירע ליפּן זאָלן זײן זיס
און גוט!

אַ נאַקעטע טענצערן

אונטער וועלכן בוים אין די דזשאָנגלען ביזטו געשלאָפֿן,
טענצערן שוואַרצע, אין דער שאָ פֿון דזשעז ביינאַכט?
וועלכער וואַלד האָט ווי אַ דינער וואַל זיין דופּט
אַרום דיין שטערן פּלאַטערן געמאַכט?

אונטער וועלכן בוים אין די דזשאָנגלען ביזטו געשלאָפֿן,
מיידל שוואַרצע ווי די נאַכט, מיידל מיט די באַוועגלעכע היפּטן?
און וועלכע לעוואָנע האָט געזען, אַז האָסט דיינע ליפּן געשענקט
אַ בלאָנדן יינגל, — זאָג, טענצערן, ווי מען רופֿט'ן?...

אַ גאַסנפּרוי

ווי אַ פֿאַרוועלקטע בלום
אויף אַן אַרונטערגעריסן צווייגל,
איז איר טונקל-ברוינער פּאָנעם.
גלייך — צו דעם מין,
אויף וועלכן ס׳איז
— לויט מען זאָגט —
אַ זאָל אין האַרלעם...

די לעוואָנע אין מערץ

די לעוואָנע איז נאַקעט.
דער ווינט האָט אויסגעטון די לעוואָנע;
דער ווינט האָט פאַרטריבן דאָס וואָלקנדיקע קלייד
פון לעוואָנעס לייב,
איז זי איצטער נאַקעט,
אינגאַנצן נאַקעט...

וויאַזוי ווערסטו פאַר בושע נישט רויט,
אומריינע לעוואָנע?
צי ווייסטו דען נישט,
אַז מען טוט נישט אַזוי?...

די נאַכט איז שיין...

די נאַכט איז שיין,
ווי דאָס פּאָנעם פון מיין פּאָלק.

די שטערן זענען שיין,
ווי די אויגן פון מיין פּאָלק.

און אויך די זון איז שיין —
די נעשאָמעס פון מיין פּאָלק זענען אויך שיין...

צו די ווייסע

איך האַס אייך נישט,
ווייל אייערע געזיכטער זענען שיין.
איך האַס אייך נישט,
ווייל אייערע געזיכטער זענען פֿון ווייסקייט אַ קרוין.
טאָ פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס פּייניקט איר מיך ?
אָ, איר ווייסע ! אָ, איר שטאַרקע !
פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס פּייניקט איר מיך ?

פֿאַראַט

איך האָב ליב געהאַט מיין פֿריינט.
און ער — ער האָט מיך פֿאַרלאָזן . . .
נישטאָ מער וואָס צו ריידן!
ס'ענדיקט זיך דאָס ליד,
אַזוי ווי ס'האָט זיך אָנגעפֿאַנגען:
איך האָב ליב געהאַט מיין פֿריינט —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

פּאַכעד

דורך אַלע הימלען
גייט אויף אונדזער געשריי!
ווי ס'איז אויפֿגעגאַנגען ס'געשריי
פֿון אונדזערע אָוועס
צווישן די פּאַלמעס פֿון אַפֿריקע —
ווייל מיר זענען איינזאַם און אַליין...
ס'ווערט נאַכט
און אַ פּאַכעד באַפֿאַלט אונדז...

II

פאָלקס-לידער

באַמערקונג צום ליד „דזשאָן האַנרי“.

דזשאָן האַנרי איז אַ העראָישע געשטאַלט — דער באַפרייער פון נעגער־שקלאַפן. דאָס דאָזיקע ליד, אין וועלכן ס'ווערט פאַרקערפערט זיין העראָישקייט, ווערט געזונגען אין אַ צענדלינג וואַריאַנטן. אין יעדן פון זיי ווערט דזשאָן האַנרי פאָרגעשטעלט פאַר אַן אַנדערן אַרבעטער: אַמאָל אַ שמיד, אַמאָל אַ שטיינהאַקער, אַ באַן־אַרבעטער, אאז"וו. אָבער טאָמיד קומט ער צוגיין מיט זיין האַמער אין האַנט, קעדיי צו צעשטערן די שקלאַפעריי פון זיין אומגליקלעכן נעגערשטאַם.

דזשאָן האַנרי

דזשאָן האַנרי האָט סטאַם אַזוי אַמאָל געזאָגט:
— ס׳איז דער מענטש אַ מענטש און נישט קיין העלפאַנט.
איידער איר וועט דערמאָנען זיך אין מיר —
וועל איך זיין טויט, מיטן האַמער אין האַנט...

דזשאָן האַנרי האָט געזאָגט צו זיין האַר:
— ס׳איז דער מענטש אַ מענטש און נישט קיין העלפאַנט.
ווילאַנג כ׳וועל אומגיין אַ געשמידטער אין יאָך —
וועל איך זיין טויט, מיטן האַמער אין האַנט...

איז דזשאָן האַנרי אַוועק אין די הויכע בערג,
אויסצוהאַמערן אַ נייעם טאָג פאַרן נעגערשטאַם.
איז ער צו קליין געווען, דער פעלדז — צו האַרט,
איז דזשאָן האַנרי געשטאָרבן מיט זיין האַמער אין האַנט...

דער שקלאַף און דער האַר

כ'האָב געזאָגט צו מיין האַר: ס'איז מיר קאַלט אין די הענט.
— גאָט האָט פאַרשאָלטן דיינע הענט, זאָל דער וואָגן גיין!

כ'האָב געזאָגט צו מיין האַר: ס'איז מיר קאַלט אין די פיס.
— גאָט האָט פאַרשאָלטן דיינע פיס, זאָל דער וואָגן גיין!

האַר, מיין האַר, איר זענט מיט בלינדקייט געשלאָגן.
זעט, ס'האָט דער זייגער שוין די אָוונטשאָ געשלאָגן.

האַר, מיין האַר, די סירענעס האָבן זיך צעפייפט
און דו האָסט פון דער אַרבעט מיך נאָכנישט באַפרייט.

ווען איך וואָלט געווען אַ האַר, וואָס וואָלט געווען? —
וואָלט איך אים געלאָזט שלאָפן גייןביים אָוונטשיין...

האַר, מיין האַר, צי האָסטו נישט געזאָגט,
אַז איך וועל נישט אַרבעטן אויפן רעגן אַ גאַנצן טאָג?

עך, ווען איך וואָלט געהאַט אַ רימען, אַזוי שטאַרק און געזונט,
וואָלט איך געקאַטעוועט מיין האַר, ער זאָל ווערן בלינד...

פֿאַר וואַסער פֿון שוימיקן לעבן

איך מוז אַרבעטן לאַנג, לאַנג.
אָ, איך מוז אַרבעטן לאַנג!
אָ, גאָט! איך מוז אַרבעטן לאַנג
קעדיי צו האָבן
וואַסער פֿון שוימיקן לעבן און שוואַרצע קאַווע,
וואַסער פֿון שוימיקן לעבן און שוואַרצע קאַווע.
אָ, גאָט! — —
פֿאַר וואַסער פֿון שוימיקן לעבן און שוואַרצע קאַווע
מוז איך אַרבעטן לאַנג,
לאַנג...

דער ווייסער און דער נעגער

דער ווייסער גייט צום טייך
און קען אים נישט אַריבערגיין,
דראַפּעט ער זיך אויפֿן רוקן פֿונעם נעגער און מיינט —
ס'איז באַשערט דעם נעגער אַ פֿערד צו זיין...

זאָגט דער נעגער צום ווייסן:
— פּונקט ווי דו, האָב איך נישט מער ווי פֿיס נאָר צוויי.
אַז כ'זאָל מיט דיר דעם טייך אַריבערשפּרייזן
וואָלטן אויסוואַקסן מיר באַדאַרפֿט אַנדערע צוויי...

דער ווייסער קריכט אויפֿן באַרג
און קען צום שפּיץ נישט דערגיין,
הענגט ער זיך אָן אויפֿן נעגערס קאַרק
און באַפֿעלט מיט אים אַרויפֿצוגיין.

זאָגט דער נעגער צום ווייסן:
— פּונקט ווי דו, האָב איך נישט מער ווי פֿיס נאָר צוויי.
אַז כ'זאָל דיך צום שפּיץ-באַרג דערטראָגן,
וואָלטן אויסוואַקסן מיר באַדאַרפֿט אַנדערע צוויי...

דער נעגער און גאָט

איך וועל אַרויף אין הימל,
זיך זעצן אויף אַ מאַלאָכעם-שטול.
איך וועל אַרויף אין הימל,
עסן, וואָס מאַלאָכעם עסן.
אַז איך וועל זיין אין הימל —
וועל איך זיין גליקלעך . . . גליקלעך...
איך — — און — — מיין גאָט!
מיר'ן טון,
וואָס מיר'ן וועלן . . .

בעלינדאַ און דזשאָו

בעלינדאַ האָט ליב דזשאָוען.
בעלינדאַ בענקט נאָך דזשאָוען.
בעלינדאַ וויל כאַסינע האָבן מיט דזשאָוען —
זאָגט דער האַר: ניין!...

ווייל דער האַר פאַרמאָגט קי און פערד.
ווייל דער האַר פאַרמאָגט נעגער און זאַמען.
לאָזט דער האַר הערן זיין מעכטיק וואָרט.
וועט בעלינדאַ נישט האָבן דזשאָוען...

דער האַר האָט געקויפט אַ גראָבן שוואַרצן אַלטיטשקן.
און דער גראָבער שוואַרצער אַלטיטשקער באַשלאָפט בעלינדאַן...
האָט ער אירע אויגן צעעפנט
און בעלינדאַ וועט פאַרגעסן דזשאָוען...

ווען דער האַר האָט מיך באַפרייט...

ווען דער האַר האָט מיך באַפרייט,
האָב איך געוואָלט אַוועק,
ווייט פון דער פאַרם, פון שקלאַפעריי ווייט...
נאָר כ׳האָב קיין פרוטע נישט געהאַט
און כ׳האָב נישט געקאָנט אַוועק...
גאָט! כ׳האָב נישט געקאָנט אַוועק...

דער נעגער קאָן אינערגיץ נישט אַוועק,
דער נעגער האָט קיין שיך נישט אַוועקצוגיין.
דער נעגער האָט קיין זאַנג נישט זיין הונגער צו שטילן,
בלייבט דער נעגער...

ווײ... סאַראַ בושע... סאַראַ בושע...
אַז אַ שקלאַף נאָך פערציק יאָר האָט קיין פרוטע נישט...

דאָס ליד פֿון יאָסעם

מיין מאַמע איז געשטאָרבן און מיין טאַטע — אויך.
האָבן זיי אַליין אויף דער וועלט מיך געלאָזט,
און איך בין אַ שקלאַף...

מיין מאַמע האָט מיר געזאָגט,
ווען זי איז געליגן אויפֿן טויטנבעט,
האָט מיין מאַמע מיר געזאָגט:

— וועסט גליקלעך זיין, פֿרעד,
ווען דער טייוול פֿון דער ערד
דיך צונעמען וועט...

האָב איך אין איינעם אַ טאָג
פֿאַרלאָזן די שטאָט
מיין גורל אויסצומיידן...

היי!

וואָס מער מען וועט מיך פֿאַרפֿייניקן
אַלץ ווייטער,
אַלץ ווייטער וועל איך אַוועק!...

אוהו, מיין קליינס...

איך וועל גיין צו אַ האַר,
קעדיי צו באַקומען אַ לוין.
נאָר איך וויל נישט ער זאָל
מיט שפּילקעס מיך שטעכן
אין די פּיאַטעס פון די פּיס.
אוהו, מיין קליינס, אוהו!...

איך וועל זוכן אַ שטעל,
וווּ כ'וועל זיין אַ מענטש.
און אפילע אַלס נעגער
באַקומען געצאָלט.
אוהו, מיין קליינס, אוהו...

איך וועל זוכן אַ שטעל —
אוהו... די ווייסע זענען גרויזאַם!
זיי האָבן ליב פּאַר זייער שפּיז
דעם נעגערס בויך.
אוהו, מיין קליינס, אוהו!...

איך וויל אַוועק ווייט, ווייט...
זיין מיין אייגענער האַר.
שלעפן מיינע פּיס זיך שווער,
און די באַן לויפט צו גיך.
אוהו, מיין קליינס, אוהו!...

איך וועל אַוועק ערגיִצווו,
ווו מען קען נישט דזשים קראָוון, *)
נאָר איך האָב קיין קויעך נישט
צו גיין אַזוי ווייט...
אוהו, מיין קליינס, אוהו!...

וועל איך זיך זעצן
ביים טיש פֿון דער וועלט
און גלויבן, אַז אין איינעם אַ טאָג
וועל איך געפֿונען מיין קויעך.
אוהו, מיין קליינס, אוהו!...

*) צונויפֿגעמען פֿאַרן נענער.

אינהאַלט:

I

לענגסטאָן היוז

כ׳בין אַ נעגער 13
אַפּשטאַם 14
שטרעק אוים 15
האַרבסט־ליד 16
קאַבאַרעט 17
אַ יינגע זינגערן 18
ליד 19
אַ נאַקעטע טענצערן 20
אַ גאַסנפּרוי 21
די לעוואָנע אין מערץ 22
די נאַכט איז שיין 23
די ווייסע 24
פּאַראַט 25
פּאַכער 26

II

פאָלקסלידער

דזשאָן האַנרי 35
דער שקלאַף און דער האַר 36
פאַר וואַסער פון שוימיקן לעבן . . . 37
דער ווייסער און דער נעגער 38
דער נעגער און גאָט 39
בעלינדאַ און דזשאָו 40
ווען דער האַר האָט מיך באַפרייט . 41
דאָס ליד פון יאָסעם 42
אוהו, מיין קליינס 43

פֿון זעלבן מחבר:

1) „אין שטויביקן וואַנדל" (לידער)
ברוינפֿעלד און אייזן, אַנטווערפּן 1931.
2) „לערנט ליב צו האָבן סילעבן" (פּלאַקאַטן)
פֿאַרלאַג „פּריינט", בריסל 1935.

אינגיכן וועלן דערשיינען:

3) אַרסעניק (פּלאַקאַטן)
4) מיט גילדענער האַרף און אייזערנעם אַקער (לידער)
5) אין קינדערלאַנד (קינדער-לידער, מאַיסעלעך און סצענקעס).
6) מאַרגינעזן פֿון אַ דיכטערס טאָגבוך (עסייען).

Tipografia »Centrala« M. Rosenthal, Sighet-Maramureş